בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קי"ג

פרשת קרח שנת תשפ"ה

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת וָאֵרָא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### פָּשׁוּטְ'עֶ אַרְבֶּעטֶער זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וָואס זָאל אִיךְ עֶנְק זָאגְן, צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אַ מְחַנֵּךְ, אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס.

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהַאט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וָואס הָאט מִיךְ זֵייעֶר גֶעמַאכְט לַאכְן. דֶער מְלַמֵּד שְׁרַייבְּט מִיר אַזוֹי: עֶר הָאט זִיךְ דֶעם שַׁבָּת גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אַז עֶר אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין מְלוּמְדוּת, קוֹים קוֹים וָואס עֶר קֶען דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ, פַאַרְוָואס זָאל עֶר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס מְלַמֵּד אוּן זַיין אַן אַרְבֶּעטֶער?

עֶר הֶערְט טַאקֶע וִוי אִיךְ דֶערְצֵייל דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיךְ אַמָאל אָנְגֶערוּפְן, עֶר הָאט מִיךְ גֶעוָואלְט גֶעבְּן חִיזּוּק, מוֹהֲרָא"שׁ פְרֶעגְט מִיר: **"וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ אַרְבֶּעטְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן אִין אַ קְלֵיידוּנְג גֶעשֶׁעפְט, דוּ שְׁנַיידְסְט בֶּעקִיטְשֶׁעס, אוּן נָאךְ זִיבֶּעצִיג יָאר גֵייסְטוּ אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, דוּ קוּמְסְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן מֶען פְרֶעגְט דִיר: 'זִיבֶּעצִיג יָאר הָאסְטוּ גֶעשְׁנִיטְן בֶּעקִיטְשֶׁעס?!' פְרֵיי זִיךְ אַז יֶעצְט וֶועסְטוּ זָאגְן: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין זִיבֶּעצִיג יָאר גֶעזִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים'; עֶס אִיז טַאקֶע אַ בִּיטֶערֶע אַרְבֶּעט אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ".**

דָאס אִיז טַאקֶע שֵׁיינֶע חִיזּוּק, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעלֵיינְט אִינֶעם סֵפֶר 'פַּרְנָסָה טוֹבָה' וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, פָּשׁוּטְ'עֶ אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (סֵפֶר פַּרְנָסָה טוֹבָה, אוֹת צב).

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (שָׁם אוֹת צג) אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מִקְוֶה אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת עֶר פְלֶעגְט רֵיינִיגְן דִי מִקְוֶה: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוער עֶס גֵייט זִיךְ טוֹבֵל'ען אִין דִי מִקְוֶה, זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה"**, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטְ'עֶר אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַ רֶעסְטוֹרַאנְט אוּן אַלְץ וֶוען עֶר הָאט גֶעמִישְׁט דִי עֶסְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"וֶוער עֶס וֶועט עֶסְן פוּן מַיינֶע עֶסְן, זָאל זִיךְ זַיין הַארְץ אוֹיפְוֶועקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה".**

פְרֶעגְט מִיר דֶער מְלַמֵּד: **"אוֹיבּ אַזוֹי, פַאַרְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד?!"**

### אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט זַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: אוֹי, אוֹי, וֶוען מֶען לֵיינְט דֶעם סֵפֶר 'פַּרְנָסָה טוֹבָה' בַּיינַאכְט וֶוען מֶען אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, לֵיינְט זִיךְ עֶס אַזוֹי שֵׁיין, מוֹהֲרָא"שׁ לֵייגְט אַזוֹי גוּט אַרָאפּ דֶעם שׁוּסְטֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קֶען מֵיינֶען אַז זַיין לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אָן קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶעס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען גוּט, עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט, זַיין וַוייבּ אִיז אִים גֶעשְׁטַאנֶען אִין דִי זַייט, מַמָּשׁ וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט אִין תְּהִלִּים (מה, י): **"נִצְּבָה שֵׁגַל לִימִינְךָ"**, זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: **"וָואס זָאל אִיךְ דִיר יֶעצְט טוּן? אוֹיסְטוּן דִי שִׁיךְ? אָקֶעי! וָואס נָאךְ זָאל אִיךְ טוּן? מַאכְן אַ קַאוֶועע? אָקֶעי!"**... עֶס פֶעלְט אָבֶּער דִי אַנְדֶערֶע חֵלֶק מַעֲשֶׂה, אַז דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: 'פַאַרְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין אַ קֶעכֶער? פַאַרְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין אַ מִקְוֶה אִיד? אִיךְ וֶוער אַ מְלַמֵּד, אִיךְ וֶועל זִיצְן מִיט קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט זֵיי חוּמָשׁ אוּן אִיךְ וֶועל זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!'

### פַאַרְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד?!

דַארְפְסְט נִישְׁט וֶוערְן אוֹיס מְלַמֵּד צוּ קֶענֶען שְׁטֵיין אִין סֵפֶר 'פַּרְנָסָה טוֹבָה', אִיךְ וֶועלְן מַאכְן פוּן דִיר אַ מַעֲשֶׂה... עֶס וֶועט שְׁטֵיין: **"הָיָה מְלַמֵּד אֶחָד, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד וָואס פְלֶעגְט זִיצְן מִיט קִינְדֶער, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, וָואס הֵייסְט 'דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'? דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן, אַ טוֹיטֶע מַעֲשֶׂה וָואס קְלֶעבְּט אוֹיפְן וַואנְט; דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֵיינְט אַז מֶען רַייסְט פוּן מִיר שְׁטִיקֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט צָאלְן דִי גְרָאסֶערִי, אִיךְ קֶען נִישְׁט צָאלְן דִי הֵייצוּנְג, אִיךְ קֶען נִישְׁט קֵיינֶעם צָאלְן, מַיין וַוייבּ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, אוּן יֶעדֶער רֶעדְט זִיךְ אָפּ אוֹיף מִיר, אוּן טוֹיגְן טוֹיג אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ מַאךְ אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') דִי כִּתָּה אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ גֶעטְרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!

### אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, הַיינְט אִיז דָאךְ אַ וֶועלְט וָואס יֶעדֶער קוּמְט אַרוֹיס מִיט אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל... הָאט עֶטְץ דָא אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): **"וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד": "אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת!"**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט

נאכאמאל געזינגען דעם ניגון: **"אשריכם טייערע מלמדים, וואויל איז ענקער חלק, ענק האבן די זכיה צו לערנען מיט קינדער, אזוי טייער אזוי הייליג. ומצדיקי הרבים ככוכבים, אין הימל איז א מלמד א העלד, מיטן לערנען מיט די קינדער די הייליגע תורה, אויף ענק שטייט די וועלט".**

## טשאקאלאד און קאווע

עס איז זייער וויכטיג עס זאל זיין קאווע אינעם מלמדים צימער, די מלמדים זאלן זיך קענען מאכן א גוטע קאווע; אויך איז זייער וויכטיג די מלמדים זאלן האבן ביי זיך קליינע טשאקאלאדעס; עס איז היינט דא צו באקומען טשאקאלאדעס חלב ישראל מיט היימישע הכשרים. אזוי ווי מען טוט ביי די מלחמות, אז איינע פון די זאכן וואס מען שווערצט אריין איז טשאקאלאד און קאווע, כדי די סאלדאטן זאלן האב כח און מוט, זיי זאלן זיין פרייליך און פריש צו קענען מלחמה האלטן מיטן שונא.

עס איז געבליבן אז מיר וועלן בלייבן מלמדים, און מיר וועלן זיין דבוק צום אייבערשטן. מיר וועלן ווייטער געבן גוטע ווערטער פאר יעדן קינד, און אויסהערן יעדן קינד, אפילו מען שפירט ווי קיינער הערט מיך נישט אויס, איך בין ממש ווי א פיפטע רעדל... און ביי אפאר מלמדים שטימט אפילו דער חלק מעשה פון די ערליכע אידן וואס האבן געהאט א צעקראכטע קאר...

דער אייבערשטער זאל העלפן, עסק זאלטס האבן הצלחה און סייעתא דשמיא. אמן.

• • •

## מלחמה צייט

**לאור דעם מצב המלחמה אין ארץ ישראל ברענגען מיר אראפ עטליכע שטיקלעך פון א שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגעבן פאר מחנכים, פרשת בראשית שנת תשפ"ד לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א.**

## רעדן צו די קינדער פון 'תפלה'

מיר שטייען יעצט אין זייער א שווערע צייט פאר אידישע קינדער, עס איז דא א מלחמה אין ארץ ישראל, וואס די אראבער האבן זיך צוזאמגענומען קעגן אידישע קינדער, דערפאר ליגט יעצט אן אחריות אויף די מלמדים און לערערינס צו רעדן צו די קינדער וואס מען דארף רעדן אין אזא צייט.

די ערשטע זאך דארף מען רעדן פון 'תפלה'.

די מלמדים און לערערינס זאלן זאגן פאר די קינדער: גוים לעבן דורך זייערע שווערדן, דער גוי'ס געווער איז זיין גאן, זיין מעסער און זיינע מיסלס, ווי דער פסוק זאגט אויף ישמעאל אז ער פלעגט זיצן אין מדבר מיט זיין פאל און בויגן און באראבן מענטשן (בראשית טז, יב; בראשית כא, כ, וברש"י שם), אויך האט יצחק אבינו געבענטשט עשו (בראשית כז, מ): **"ועל חרבך תחיה"**, דו וועסט לעבן דורך דיין שווערד, און ער האט געזאגט (בראשית כז, כב): **"הידים ידי עשו"**, עשו ניצט זיינע הענט צו פירן מלחמות, אבער מיר אידישע קינדער האבן א מויל, **"הקל קול יעקב"** (שם), די עצה ווי אזוי צו זיגן מלחמות איז דורך תפלה.

## די קינדער וואס דאווענען און לערנען ראטעווען די שטאט

די הייליגע חכמים דערציילן (בראשית רבה סה, כ), עס איז נישט געווען אויף דער וועלט גרעסערע פילאזאפן ווי בלעם בן בעור און אבנימוס הגרדי, און אלע גוים זענען געקומען צו זיי און געפרעגט: **"וואס איז די עצה אז מיר זאלן קענען בייקומען דאס אידישע פאלק?"** האבן זיי געענטפערט: "גייט ארום צו די שולן און בתי מדרשים, ווילאנג עסק הערטס די קינדער דאווענען און לערנען, קענטס עסק גארנישט טון, ווייל אזוי האט יעקב אבינו צוגעזאגט (בראשית כז, כב): **"הקל קול יעקב"**, ווילאנג מען הערט דעם קול פון לערנען און דאווענען, קען נישט זיין **"הידים ידי עשו"**.

ווילאנג מען הערט אין ישיבה, אין חדר און אין שולע, א קול פון דאווענען, פון לערנען; מען לערנט מיט קינדער הלכות, מען לערנט מיט קינדער אמונה, מען לערנט מיט קינדער די זיסקייט פון די תורה און די זיסקייט פון זיין א איד - קענען די הענט פון עשו אונז גארנישט טון; וויפיל די פעלקער וועלן אונז ווילן טשעפען, וועט עס זיי נישט געלונגען.

אגב, דער מדרש רעדט נאר פון ישיבות און חדרים פון 'אינגלעך און עלטערע', נישט פון 'מיידל שולעס'; דער טעם איז, ווייל אמאל איז נישט געווען קיין שולעס פאר מיידלעך, די אמאל איז די וועלט געווען אנדערש, די גאנצע זאך פון א שולע האבן צדיקים איינגעפירט אין אמעריקע נאך די צווייטע וועלט מלחמה, דעמאלט האט זיך די וועלט געטוישט אין דעם הינזיכט. פארצייטנס זענען די מיידלעך געזיצן אינדערהיים, מען האט מיט זיי גארנישט געלערנט, אויסער די פאר זאכן וואס זיי דארפן וויסן, ווי 'הלכות ברכות' און 'הלכות שבת' וואס דאס האבן די מאמעס געלערנט מיט זייערע טעכטער, אויך איז נישט געווען קיין כלה לערערינס, קיין כלה שיעורים, אלעס האבן די מאמעס איבערגעגעבן פאר זייערע טעכטער; נאך די צווייטע וועלט קריג האט זיך די וועלט געטוישט, די הייליגע צדיקים האבן פארשטאנען אז יעצט קומט א צייט וואס מען דארף מאכן שולעס פאר מיידלעך.

דערפאר, היינטיגע טעג וואס מיר האבן שולעס פאר מיידלעך, ווערן אלע מאמרי חז"ל וואס רעדן דאס גרויסקייט פון לערנען תורה מיט אינגלעך - אויך געזאגט אויף מיידלעך.

## זאגן יעדן טאג 'קאפיטל פ"ג'

אין די פריערדיגע יארן בשעת עס זענען געווען מלחמות אין ארץ ישראל, פלעגט מוהרא"ש שרייבן אז מען זאל זאגן 'קאפיטל פ"ג', דערפאר וויל איך בעטן פון אלע מלמדים און לערערינס, סיי פון די וואס לערנען אידיש און סיי פון די וואס לערנען למודי חול, מען זאל אינמיטן טאג אפשטעלן די כתה און זאגן מיט די קינדער קאפיטל פ"ג. אויב מען האט א תהלים קען מען אויפמישן אינעווייניג, און אויב מען האט נישט קיין תהלים זאל מען מאכן קאפיס פון דעם קאפיטל און עס אויסטיילן פאר די קינדער.

אלע קינדער זאלן שיין בעטן דעם אייבערשטן פסוק בפסוק: **"אלקים אל דמי לך אל תחרש ואל תשקט א-ל"**, הייליגער באשעפער שווייג נישט, **"כי הנה אויביך יהמיון ומשנאיך נשאו ראש"**, ווייל די פעלקער ברומען, זיי נעמען זיך צוזאם און ווילן שלעכטס טון פאר אידן, און אזוי ווייטער דעם גאנצן קאפיטל.

המשך אי"ה קומענדיגע וואך

חינוך אפטיילונג
אויף קול ברסלב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -

## ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט אִיךְ מַיינֶע גְרוֹיסֶע פְּחָדִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן יֶעצְט אִיז דָא דָא אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, עֶס הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ פְלִיעֶן רַאקֶעטְן, אוּן מֶען דַארְף כְּסֵדֶר לוֹיפְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין שׁוּץ פְּלֶעצֶער, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעלִיטְן פוּן פְּחָדִים, אָבֶער יֶעצְט אִיז עֶס גֶעוָוארְן פִיל שְׁוֶוערֶער, אִיךְ קֶען מַמָשׁ נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס פִּירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר צוּם גוּטְן, אָבֶער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ פוּל מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַּאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק וֶוען מֶען הֶערְט דִי פַּייפֶערְס פַּייפְן אוּן מֶען הֶערְט וִוי עֶס פְלִיעֶן בָּאמְבֶּעס, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מִיר אִין אַמֶערִיקֶע וַוארְפְן זִיךְ פַאר שְׁרֶעק פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן פַאר אַלֶע אִידְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אֲפִילוּ פַאר דִי וָואס הֶערְן נִישְׁט קַיין נַייעֶס; אַז מֶען הֶערְט דִי פַּייפֶערְס פַּייפְן אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אַ גַאנְצֶע נַאכְט, עֶס פְלִיעֶן הוּנְדֶערְטֶער רַאקֶעטְן, מֶען דַארְף לוֹיפְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין דִי בּוּנְקֶערְס - דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ טוּ וֶוען אִיךְ וֶוער דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הֵייבּ אָן חַזֶרְ'ן מִיט מַיין מוֹיל אֱמוּנָה, אִיךְ זָאג צוּ מִיר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, גָארְנִישְׁט קֶען פַּאסִירְן מִיט מִיר נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט גוּטְס טוּן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט"; דִי וֶוערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דִי פְּחָדִים לוֹיפְן מִיר נָאךְ, זָאג אִיךְ נָאכְאַמָאל דִי וֶוערְטֶער: "קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט מִיר קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר", דִי וֶוערְטֶער בַּארוּאִיגְן מִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך, תשפ"א)

## ווִי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָ' צוּ פִירְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אוּן אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַן עֵצָה אִיבֶּער דִי לֶעצְטִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טֶערָאר אַטַאקֶע וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם, ווִי דְרֵיי אִידִישֶׁע קָרְבָּנוֹת זֶענֶען לֵיידֶער אֲוֶועקְגֶערִיסְן גֶעוָוארְן פוּן אוּנְז, הַשֵׁם יִנְקוֹם דָמָם. דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר צֶעשׁוֹידֶערְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר זֵיי דָאס צוּ פַארְנֶעמֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מְיַעֵץ זַיין ווִי אַזוֹי אוּן ווִיפִיל צוּ רֶעדְן מִיט זֵיי דֶערְוֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל מֶער נִישְׁט הֶערְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוֹרוֹת, אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ל"ז שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה. זַיין אַ מְנַהֵל אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב, דֶער מְנַהֵל אִיז נוֹטֵל שְׂכַר כְּנֶגֶד כּוּלָם וַוייל עֶר אִיז מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר זֶעט אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין; אַלֶעס וָואס דִי מְלַמְדִים לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן גַן עֵדֶן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן. אַז דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן אוּן אִינְטֶערֶעסִירְן זִיךְ נָאךְ אַ טְרַאגֶעדְיֶע: 'וָואס אִיז גֶעשֶׁען?' זֵיי פְרֶעגְן כָּל מִינֵי קֻשְׁיוֹת: 'וואוּ אִיז דֶער קִינְד וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן?' 'וָואס אִיז יֶעצְט מִיט אִים?' דִי אַלֶע סָארְט קֻשְׁיוֹת וָואס קִינְדֶער פְרֶעגְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, נָאר זָאגְן: "אַ אִיד הָאט צְוֵויי וֶועלְטְן, דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט - גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן, אוּן ווִי גוּט אוּן ווִי שֵׁיין אִיז פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעהִיטְן דִי תּוֹרָה - אוֹיבְן אִין הִימְל, דִי נְשָׁמָה גֵייט אִין גַן עֵדֶן אוּן הָאט דָארְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן"; רֶעד מִיט בַּאק צֵיין, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי וֶוערְן רוּאִיג.

נָאר אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע מֶעטָאדְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם - אִיז אַלֶעס פַאנְטַאזִיעֶס אוּן עֶס בַּארוּאִיגְט נִישְׁט. נֶעבֶּעךְ פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ הֶעלְפֶערְס, אָדֶער נֶעמֶען דִי קִינְדֶער צוּ טִפּוּלִים וְכַדוֹמֶה, מֶען וֶוערְט דָארְט מֶער צֶעדְרֵייט. דֶער בָּשָׂר וָדָם זָאגְט: "יֶעצְט אָטֶעם אַרַיין אוּן יֶעצְט אָטֶעם אַרוֹיס", "יֶעצְט פְּרוּבִיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי שְׁרֶעק", אוּן "יֶעצְט טְרַאכְט ווִי דִי שְׁרֶעק נֶעמְט דִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער", "יֶעצְט שְׁרֵיי" וְכַדוֹמֶה; דִי זַאכְן אִיז פַאר אוּמוֹת הָעוֹלָם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אֱמוּנָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן נָאךְ אַ וֶועלְט, אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן.

אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טוּן וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵיי זָאגְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן פוּן שְׁטַארְבְּן (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמה): "מַה לָּכֶם לִדְאֹג מִן הַמִּיתָה?", וָואס זָארְגְט אִיר זִיךְ פוּן שְׁטַארְבְּן? "הֲלֹא שָׁם הוּא עוֹלָם נָאֶה בְּיוֹתֵר

מִכָּאן", אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז פִּיל אַ שֶׁענֶערֶע וֶועלְט וִוי דָא.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, זַיי מְחַזֵּק דִּי מְלַמְּדִים. דֶער עִיקָּר אַרְבֶּעט פוּנֶעם מְנַהֵל דַארְף זַיין גֶעבְּן יֶעדְן טָאג אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדְן מְלַמֵּד בַּאזוּנְדֶער, נִישְׁט נָאר וֶוען עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס צוּ קְרִיטִיקִירְן דֶעמָאלְט נֶעמְט מֶען אַפִּיר דֶעם מְלַמֵּד, נָאר יֶעדְן טָאג גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): "אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לִמְחוּזָּקִין"; מֶען דַארְף מְחַזֵּק זַיין דִּי וָואס גֶעבְּן חִיזּוּק; דִּי מְלַמְּדִים אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תְּרוּמָה תשפ"ג)

## וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִּי צַייט וָואס פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועלְן דִּי קִינְדֶער זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"ב סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְחַנֵּךְ קִינְדֶער – אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה. קִינְדֶער וָואס הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן דִּי עֶלְטֶערְן אוּן מְחַנְּכִים: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן", "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף", "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" – וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

קִינְדֶער כַאפְּן זִיךְ מֶער צוּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי דִּיבּוּרֵי אֱמוּנָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִּי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, "כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", אָבֶּער וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט – אִיז דִּי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס אִיז דָאס 'שְׁכִינָה'? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִּי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֶען זֶעט מִיט דִּי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲל וּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַזוֹי אוֹיךְ וֵוייסְט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' – דִּי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים. דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ מִיט אִים אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין נָאנְטֶער חַבֵר.

אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן גֵייט אַרַיין אִין אִים חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִּמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִּי וֶועלְט וְכוּ'; מֶען אִיז צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, אוּן מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶערִיבֶּער קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ רֵיין – טוּעֶן דִּי מִצְוֹת מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶוערְטֶער אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ.

זָאלְסְטוּ זֶען צוּ רֶעדְן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים. דֶערְצֵייל זֵיי כְּסֵדֶר וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען בֶּעט אִים, זָאלְן זֵיי הֶערְן וִוי דִּי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג אוּן גְרוֹיס דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִין זֵיי אַרַיינְגֵיין אַ פֵייעֶר פוּן קְדוּשָׁה.

קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת, דָאס פְלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט ווִיסְן – זָאגְט דֶער רֶבִּי – אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד". וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חֵשֶׁק צוּ וֶועלְן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט וִוי דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ז', מכתב תרסז)


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com

קוֹל בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876